אַ פּובליקאַציע פֿון פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

DER YIDISHER TAM-TAM
דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

יאָר 22, נומער 2 (107) · 2,50 אייראָס · כיסלו תשע״ז/דעצעמבער 2016

וועגעטאַריש!

וועגעטאַריש! (ז׳ 2) ● פֿאַני לעוואַנדאָ און איר קאָכבוך (זז׳ 3-2)
ייִדישע שרײַבער און וועגעטאַריזם (זז׳ 5-4)
עופֿות און מענטשן (ז׳ 6) ● כּפּרות (זז׳ 7-6)
שפּיל: באַרימטע בעלי־חיים (ז׳ 8)
שפּראַך־עצות פֿאַר ייִדיש־לערנערס וואָס קענען העבֿרעיִש (זז׳ 11-9)

וועגעטאַריש!

דער איצטיקער נומער איז אַ וועגעטאַרישער. אויב איר מיינט אַז מיר האָבן אויסגעקליבן די טעמע נאָר ווי אַ טשיקאַוועסל[1], ווײַל וועגעטאַריזם איז הײַנט צו טאָג אין דער מאָדע[2], האָט איר אַ טעות[3]: פֿון די סאַמע אָנהייבן פֿון דער מאָדערנער ליטעראַטור אויף ייִדיש איז דער אַלטער עטישער פּרינציפּ פֿון „צער־בעלי־חיים“[4] אַ וויכטיקער ענין[5]. אַכזריות[6] אָדער גלײַכגילטיקייט[7] אַנטקעגן די יסורים[8] פֿון בעלי־חיים[9] בכלל[10] און די ברוטאַלקייט פֿון דער שחיטה[11] צי פֿון געוויסע מינהגים[12] בפֿרט[13] (ווי דאָס שלאָגן כּפּרות[14] ערבֿ־יום־כּיפּור[15]) געפֿינען אַ שטאַרקן אויסדרוק[16] בײַ עטלעכע ייִדישע שרײַבער. שוין מענדעלע מוכר־ספֿרים[17] און שלום־עליכם[18] ווײַזן אַרויס אַ טיף מיטגעפֿיל פֿאַר בעלי־חיים. אין זייערע ווערק באַשרײַבן זיי אַלערליי חיות[19] צי עופֿות[20], וואָס ווערן אָפֿט אַ סימבאָל פֿון גערודפֿטע[21] און אונטערגעדריקטע[22] מענטשן, און אַ מאָל אַן אַלעגאָריע פֿונעם גאַנצן ייִדישן פֿאָלק (ווי מענדעלעס קליאַטשע[23] אָדער שלום־עליכמס ראַבטשיק, אַ „ייִדישער הונט“). נאָר גלײַכצײַטיק זעט מען אַז בעלי־חיים זענען פֿאַר ביידע קלאַסיקער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור ניט נאָר סימבאָלן, נאָר טאַקע לעבעדיקע באַשעפֿענישן[24], יעדער איינער מיט זײַן גאַנג[25] און זײַנע געפֿילן. אין דעם נומער וועט איר געפֿינען אַ פֿראַגמענט פֿון שלום־עליכמס אַ דערציילונג מיט העלדן עופֿות און אַן אַרטיקל וואָס פּרוּווט דערקלערן פֿאַר וואָס אַזוי פֿיל ייִדישע שרײַבער זענען געווען ניט נאָר צער־בעלי־חיימניקעס[26], נאָר אַפֿילו[27] איבערגעצײַגטע[28] וועגעטאַריער; די וואָס האָבן ליב קאָכן, וועלן קענען זיך אינספּירירן פֿון אַ וועגעטאַרישן רעצעפּט פֿון די יאָרן 1930, און די וואָס האָבן ליב ניט נאָר מערן[29], סעלעריע און כריין[30], נאָר אויך אַנדערע מינים[31] שרשים[32], וועלן געפֿינען אַ צוגעפּאַסטע גײַסטיקע שפּײַז[33] אויף די זײַטן 9-11!

1. curiosité/curiosity 2. à la mode/fashionable 3. ... TOES vous avez tort/you are mistaken 4. TSAR-BALE-KhAIM compassion pour les êtres vivants/compassion for living things 5. INYEN sujet/subject 6. AKhZORYES cruauté/cruelty 7. indifférence 8. YESURIM souffrances/suffering 9. BALE-KhAIM animaux, êtres vivants/animals, living things, *sing.* בעל־חי BAL-KhAY 10. BIKhLA'L en général/in general 11. ShKhITE abattage (rituel)/(ritual) slaughter 12. MINHOGIM coutumes/customs, *sing.* מינהג MINEG 13. BIFRA'T en particulier/particularly 14. ... KAPORES cérémonie expiatoire pendant laquelle on fait tourner au-dessus de la tête une poule ou un coq/atonement ceremony performed by turning a fowl over one's head 15. EREV-YOM-KIPER la veille de Kippour/eve of Yom Kippur 16. expression 17. Mendele MOYKhER-SFORIM (1836-1917) 18. ShOLEM-ALEYKhEM (1859-1916) 19. KhAYES animaux (mammifères)/animals (mammals) 20. OYFES volailles/fowl, poultry 21. GERO'YDEFTE persécutés/persecuted 22. opprimés/oppressed 23. haridelle/mare 24. créatures 25. comportement/behavior 26. TSAR-BALE-KhA'IMNIKES sensibles aux souffrances des animaux/sensitive to the sufferings of animals 27. AFILE même/even 28. convaincus/convinced 29. carottes/carrots 30. raifort/horseradish 31. sortes/kinds 32. ShROShIM racines/roots, *sing.* שורש ShOYRESh 33. nourriture spirituelle/spiritual nourishment.

פֿאַני לעוואַנדאָ[1] און איר קאָכבוך

„צו די באַלעבאָסטעס[2]: דורך די גרעסטע מעדיצינישע אויטאָריטעטן איז שוין לאַנג פֿעסטגעשטעלט געוואָרן[3], אַז שפּײַזן[4] פֿון פּרוכטן און גרינסן[5] זײַנען פֿיל געזינטער און צוגעפּאַסטער פֿאַרן מענטשלעכן אָרגאַניזם, ווי פֿליישיקס [...]. אויך טאַקע פֿון הומאַניטאַרן 'צער־בעלי־חיים'[6]־פּרינציפּ (ניט טייטן קיין לעבעדיקע וועזנס[7], באַקאַנט אַלס 'וועגעטאַרישע באַוועגונג') וואָלט געווען געוווּנטשן[8] צו פֿאַרבײַטן די פֿליישקיך אויף אַ ריין וועגעטאַרישער קיך“.

אַזוי הייבט זיך אָן דער וועגעטאַריש־דיעטישער קאָכבוך פֿון פֿאַני לעוואַנדאָ (ווילנע 1938). פֿאַני לעוואַנדאָ איז געווען אַ באַוווּסטע פּערזענלעכקייט אין ווילנע אין יענע יאָרן. אין איר רעסטאָראַן האָט זי געקאָכט וועגעטאַרישע און דיעטעטישע מאכלים[9]. זי האָט אויך געלערנט מיט פֿרויען ווי אַזוי צו קאָכן געזינטער און ביליקער. איר קאָכבוך אויף ייִדיש, מיט קלאָרע דערקלערונגען און פּרעכטיקע[10] אילוסטראַציעס, אַנטהאַלט איבער 400 רעצעפּטן — קלאַסישע שפּײַזן ווי קוגל[11] און לאַטקעס[12], זופּן און קאָמפּאָטן[13], אָבער אויך מאכלים וואָס זײַנען געוויינטלעך פֿליישיקע, ווי קלאָפּסעלעך[14] און שניצלעך[15], געמאַכטע פֿון קאַרטאָפֿל, מערן[16], בעבעלעך[17], גרינע פֿאַסאָליע[18], קרויט[19] און קאַשע[20] (ווי אויך מיט פֿאַרשיידענע פּרוכטן).

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט מען באַשלאָסן אַרויסצוגעבן דאָס קאָכבוך אויף ענגליש. אָפּזוכן אַ מענטש וואָס קען איבערזעצן אַזאַ ווערק איז נישט געווען קיין קלייניקייט. נישט נאָר האָט מען געדאַרפֿט גוט קענען ייִדיש, נאָר אויך זײַן באַהאַוונט[21] אין די

1. Fanny Levando 2. maîtresses de maison/housewives 3. prouvé/proven 4. aliments/food 5. légumes/vegetables 6. TSAR-BALE-KhAIM compassion pour les êtres vivants/compassion for living things 7. êtres/beings 8. souhaitable/desirable 9. MAYKhOLIM plats/dishes 10. magnifiques/superb 11. pudding 12. galettes de pommes de terre/potato pancakes 13. fruits au sirop/stewed fruit 14. boulettes/meatballs 15. côtelettes/cutlets 16. carottes/carrots 17. haricots blancs/beans 18. haricots verts/stringbeans 19. chou/cabbage 20. céréales, sarrasin/groats, buckwheat 21. compétent

טערמינען פֿון קאָכן. ביידע מעלות[22] פֿאַרמאָגט איוו יאָכנאָוויץ[23] פֿון ניו־יאָרק, אַ ייִדיש־לערערין בײַם אַרבעטער־רינג[24], וואָס שרײַבט וועגן קאָכן, און דערצו איז זי אַליין אַ וועגעטאַריערין. בײַם איבערזעצן דאָס בוך האָט זי געמוזט צופּאַסן[25] די רעצעפּטן צו דער הײַנטצײַטיקער אַמעריקאַנער קיך, מיט אַנדערע כּלים[26], אויוונס[27] און מאָסן[28] ווי אין דער פֿאַרמלחמהדיקער[29] ווילנע. דערצו האָט זי צוגעגעבן (ווי ס'איז לעצטנס געוואָרן אַ מאָדע) פֿאַר יעדן רעצעפּט וויפֿל ס'איז דאָ קאַלאָריעס, פֿעטס[30], צוקער, זאַלץ, אאַז"וו[31].

פֿון ענגליש האָט מען הײַיאָר[32] איבערגעזעצט דאָס קאָכבוך אויף ליטוויש — אַזוי אַרום קומט פֿאַני לעוואַנדאָס ווערק צוריק אין איר היימשטאָט ווילנע. אַ שאָד[33] נאָר וואָס די איבערזעצערס האָבן אַ פּנים[34] ניט אַרײַנגעקוקט אינעם ייִדישן אָריגינאַל, און אַנשטאָט צו קאָפּירן די מאָסן פֿונעם מקור[35], האָבן זיי נאָך אַ מאָל אַלץ איבערקאַלקולירט פֿון דעם אַנגלאָזאַקסישן סיסטעם — מיט געוויסע אומפּינקטלעכקייטן[36] אַוודאי[37]. ס'איז אָבער אמת[38] אַז דער ייִדישער אָריגינאַל איז הײַנט צו טאָג זייער זעלטן. די וואָס ווינען אין פּאַריז קענען עס באַוווּנדערן[39] אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער — מעדעם־ביבליאָטעק.

22. MAYLES qualités/advantages 23. Eve Jochnowitz 24. Workmen's Circle 25. adapter/adapt 26. KEYLIM récipients, instruments/vessels, instruments 27. fours/ovens 28. mesures/measures 29. FARMILKHO'MEDIKER d'avant-guerre/pre-war 30. matières grasses/fat 31. etc. און אַזוי ווײַטער 32. cette année/this year 33. dommage/a pity 34. APONEM apparemment/apparently 35. MOKER *ici/here* original 36. imprécisions 37. AVADE bien sûr/of course 38. EMES vrai/true 39. admirer/admire.

אַ רעצעפּט פֿון פֿאַני לעוואַנדאָס קאָכבוך
אַ קינסטלעכער קעלבערנער „קלאָפּס"[1]

אַ קליין שטיקל קנאָבל[2], 2 לאָרבערבלעטער[3], 3 קערנדלעך[4] ענגלישן פֿעפֿער[5], 2 איבערגעפּרעגלטע[6] אין פּוטער ציבעלעס[7], איין אָפּגעקאָכטע קליינע סעלעריע[8], אַ קילאָ אָפּגעקאָכטע קרויט[9], איין קײַזערקע[10] אויסגעווייקט[11] אין מילך — אַלץ אין איינעם דורכמאָלן[12] דורך דער מאַשינקע[13] און דאַן צוגעבן: 5 רויע[14] אייער, אַ גלאָז רײַבברויט[15], 15 דעקאַ[16] צעלאָזענע[17] פּוטער, עטוואָס[18] זאַלץ און פֿעפֿער. אויסמישן דאָס גוט און אויסמאַכן[19] אַ קלאָפּס.

איצט אויסשמירן[20] אַ פֿערגל[21] אין פּוטער, אָנשנײַדן אין דעם ציבעלע, דרײַ קאַרטאָפֿל, אַרײַנלייגן דעם קלאָפּס און אַרײַנשטעלן אָפּגעדעקטערהייט[22] אין בראָטאויוון[23] אויף אַ האַלבער שעה[24]. דאַן צודעקן און האַלטן אין בראָטאויוון נאָך 20 מינוט. דערלאַנגען צום טיש מיט ברוסניצעס[25].

1. "pseudo-pain de viande de veau"/mock veal meatloaf 2. ail/garlic 3. feuilles de laurier/bay leaves 4. grains/kernels 5. piment de Jamaïque/allspice 6. frits/fried 7. oignons/onions 8. céleri-rave/celery root 9. chou/cabbage 10. petit pain blanc/kaiser roll 11. trempé/soaked 12. moudre/grind 13. moulin/grinder 14. crus/raw 15. chapelure/bread crumbs 16. 150 grammes/150 grams 17. fondu/melted 18. un peu/a bit 19. former/form 20. enduire/smear 21. moule/pan 22. sans couvercle/uncovered 23. four/oven 24. … sho demi-heure/half hour 25. airelles/cranberries.

ייִדישע שרײַבער און וועגעטאַריזם

פֿון אַרנאָ ביקאַר[1]

כּמעט[2] אַלע ווייסן אַז דער באַרימטער שרײַבער יצחק באַשעוויס־זינגער[3] איז געווען אַ וועגעטאַריער. די דאָזיקע לעבנס־פֿילאָסאָפֿיע האָט דער לאַורעאַט פֿון דער נאָבל־פּרעמיע באַשריבן אין אַ ריי שאַפֿונגען ווו ער נעמט זיך אָן די קריוודע[4] פֿון די בעלי־חיים[5]. לויט אים מוטשעט מען[6] זיי נאָר ווײַל דער מענטש זאָרגט זיך מער פֿאַרן אייגענעם מאָגן[7] ווי פֿאַרן ווייטיק וואָס ער פֿאַרשאַפֿט אַנדערע באַשעפֿענישן[8]. הײַנט איז דער ייִדיש־אַמעריקאַנער שרײַבער אַ העלד פֿאַר די וועגעטאַריער פֿון דער גאַנצער וועלט און זיי ניצן אויס ציטאַטן פֿון זײַנע ווערק און רעדעס כּדי צו[9] פֿאַרשפּרייטן זייערע אידעען.

ווייניקע ווייסן אָבער אַז די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור פֿאַרמאָגט אַ גאַנצע ריי ערשט־ראַנגיקע[10] פֿיגורן וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט[11] פֿון עסן פֿלייש, ווי מלך ראַוויטש[12], אַלטער קאַציזנע[13] אָדער דער העברעיִשער שרײַבער ש״י עגנון[14] (אויך אַ נאָבל־לאַורעאַט). איך וויל דאָ ברענגען אַ פּאָר היפּאָטעזן צו דערקלערן דעם דערפֿאָלג פֿון דער וועגעטאַרישער פֿילאָסאָפֿיע צווישן מענטשן וואָס געהערן מער ווייניקער צום זעלביקן דור[15] און שטאַמען אַלע פֿון מיזרח[16]־אייראָפּע.

קודם־כּל[17] דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט[18] אַז די דאָזיקע פּערזענלעכקייטן זײַנען אויפֿגעוואַקסן אין אַ סבֿיבֿה[19] ווו די נאָענטקייט צווישן מענטשן און בעלי־חיים איז געווען פֿיל גרעסער ווי אין דער הײַנטיקער וועלט. הינער, אינדיקעס[20], ציגן, קי זענען אַרומגעגאַנגען פֿראַנק און פֿרײַ[21] אויף די געסלעך פֿון שטעטל צי אויף די לאָנקעס[22] אַרום אים, און קינדער האָבן זיך געקענט שפּילן מיט זיי. שלום־עליכמס[23] ראָמאַן מאָטל פּייסע דעם חזנס[24] עפֿנט זיך מיט אַ באַשרײַבונג פֿון דער פֿרײַנדשאַפֿט צווישן דעם הויפּטהעלד, דעם ייִנגל מאָטל, מיטן קעלבל[25] מעני. אָבער איין טאָג דערוויסט זיך מאָטל אַז מע האָט פֿאַרקויפֿט זײַן בעסטן חבֿר[26] דעם קצבֿ[27]. דאָס איז די ערשטע פֿון אַ ריי קאַטאַסטראָפֿעס און אומגערעכטיקייטן[28] וואָס מאָטל לעבט דורך דורכן ראָמאַן. עס איז גרינג זיך פֿאָרצושטעלן[29] ווי שווער קען

זײַן פֿאַר אַ קינד אַזאַ ערשט באַגעגעניש מיטן טויט. עס איז נאָך ערגער ווען די דערוואַקסענע באַציִען זיך[30] דערצו גלײַכגילטיק[31], ווי אַלץ וואָלט געווען נאָרמאַל. איך קען ברענגען בײַשפּילן פֿון מײַן אייגענער משפּחה[32]: ביז הײַנט צו טאָג עסט די באָבע הינערפֿלייש מיט ווידערווילן[33] ווײַל זי געדענקט ווי איר טאַטע פֿלעגט שלאָגן כּפּרות[34] ערבֿ־יום־כּיפּור[35]. און מײַן מאַמע איז געווען שאָקירט פֿון די קאַרפּן[36] וואָס מײַן באָבע פֿלעגט האַלטן אין דער וואַנע[37] צו מאַכן פֿון זיי געפֿילטע פֿיש אויף פּסח[38].

עס ליגט זיך אויפֿן שׂכל[39] אַז די צענטראַלקייט פֿון פֿיש און פֿלייש אין דער טראַדיציאָנעלער אַשכּנזישער[40] קיך (בפֿרט[41] שבת[42] און יום־טובֿים[43]), האָט געקענט פֿאַרשטאַרקן דעם אײַנדרוק אַז דאָס עסן בעלי־חיים האָט צו טאָן מיטן אַלטן לעבן־שטייגער[44] צו וועלכן די אויבן דערמאָנטע שרײַבער האָבן זיך באַצויגן מער־ווייניקער קריטיש. באַשעוויסעס באַקאַנטע דערציילונג „דער שוחט[45]" ווערט אָפֿט ציטירט צוליב דעם מחברס[46] ראַדיקאַלן אַרויסטרעט[47] קעגן דעם אַכזריות[48] פֿון אַ וועלט ווו מע שעכט[49] מאַסנווײַז[50] אומשולדיקע באַשעפֿענישן. דער העלד ווערט דער שטעטלדיקער שוחט און לײַדט אַזוי פֿיל פֿון זײַן אַרבעט אַז ער ווערט משוגע[51] און נעמט זיך דאָס לעבן. באַשעוויס לייגט דעם טראָפּ[52] אויפֿן אומברחמנותדיקן דרוק[53] וואָס ליגט אויפֿן העלד. די גאַנצע געזעלשאַפֿט דערוואַרט פֿון אים אַז ער זאָל שעכטן, כאָטש עס איז איבער זײַנע כּוחות[54]: זײַן משפּחה וואָס לעבט פֿון זײַן פּרנסה[55], זײַן חסידישער רבי[56], דער רבֿ[57] פֿון שטעטל, אַלע בעלי־בתּים[58] און בעל־הביתטעס[59] וואָס דאַרפֿן כּשר[60] פֿלייש אויף יום־טובֿ. דעם העלדס ווידערשטאַנד קעגן אַזאַ שרעקלעכער וועלט פֿירט אים זיך צו בונטעווען[61]

1. Arnaud Bikard 2. KIMA'T presque/nearly 3. YITSKhOK Isaac Bashevis Singer (1902-1991) 4. prend la défence/comes to the defense 5. BALE-KhA'IM êtres vivants, animaux/animals, living things, *sing.* בעל־חי BAL-KhAY 6. on torture/we torture 7. estomac, ventre/stomach 8. créatures 9. KEDE'Y ... afin de/in order to... 10. de premier ordre/first-rate 11. renoncé/renounced 12. MEYLEKh Ravitsh (1893-1976) 13. Alter Kacyzne (1885-1941) 14. ShAY AGNON Samuel Joseph Agnon (1888-1970) 15. DOR génération 16. MIZREKh est/east 17. KOYDEM-KOL tout d'abord/first of all 18. prendre en considération/take into account 19. SVIVE milieu 20. dindes/turkeys 21. en liberté/freely 22. prés/meadows 23. SHOLEM-ALEYKhEMS de/by Sholem Aleykhem (1859-1916) 24. ... KhAZNS *Motl, fils du chantre Peyse/Motl the Cantor Peyse's Son* 25. petit veau/little calf 26. KhAVER ami/friend 27. KATSEV boucher/butcher 28. injustices 29. imaginer/to imagine 30. se comportent/behave 31. avec indifférence/with indifference 32. MIShPOKhE famille/family 33. aversion 34. KAPORES cérémonie expiatoire pendant laquelle on tourne au-dessus de la tête une poule ou un coq/atonement ceremony performed with a fowl turned over one's head 35. EREV-YOM-KIPER la veille de Kippour/eve of Yom Kippur 36. carpes/carps 37. baignoire/bathtub 38. PEYSEKh la Pâque juive/Passover 39. ... SEYKhL il est vraisemblable/it stands to reason 40. AShKENA'ZIShER ashkénaze/Ashkenazi 41. BIFRA'T en particulier/in particular 42. ShABES shabbat/Sabbath 43. YONTOYVIM fêtes/holidays, *sing.* יום־טובֿ YONTEV 44. mode de vie/way of life 45. ShOYKhET abatteur rituel/ritual slaughterer 46. MEKhABERS de l'auteur/author's 47. prise de position/stand 48. AKhZORYES cruauté/cruelty 49. on abat/we slaughter 50. en masse/massively 51. MEShUGE fou/crazy 52. accent 53. UMBERAKhMO'NESDIKN ... pression sans pitié/merciless pressure 54. ... KOYKhES au-dessus de ses forces/he didn't have the strength 55. PARNOSE gagne-pain/livelihood 56. KhSI'DIShER REBE rabbi hassidique/Hasidic rabbi 57. ROV rabbin/(Orthodox) rabbi 58. BALEBATIM bourgeois, maîtres de maison/housholders 59. BALEBOSTES bourgeoises, ménagères/housewives 60. KOShER cachère 61. se rebeller/rebel

קעגן גאָט אַליין: „די תּורה[62] אַליין איז געמאַכט פֿון פֿעל[63]. ס'איז אַלץ געבויט אויף שחיטה[64]. פֿאָטער אין הימל, ביסט אַ שוחט! [...] ביסט אַ שוחט און אַ מלאך־המוות[65]! די גאַנצע וועלט איז איין שעכטהויז[66]...". לויט דער טראַדיציע איז אַזאַ חילול־השם[67] אַוודאי[68] די ערגסטע זינד. עס איז אָבער נישטאָ קיין ספֿק[69] אַז די גאַנצע סימפּאַטיע פֿונעם מחבר גייט צום העלד. דער סוף פֿון דער דערציילונג איז בכּיוון[70] צווייטײַטשיק[71]: צי איז דער העלד טאַקע משוגע, צי מאַכט ער נאָר אַן אָנשטעל[72], מע זאָל אים נישט אָפּזאָגן[73] אַ קבֿורה אויפֿן הייליקן אָרט[74] צוליב זעלבסטמאָרד. צום סוף בלײַבט די פֿראַגע: צי איז דאָס נישט די וועלט משוגע, וואָס דערלויבט אַז מע זאָל אַזוי באַהאַנדלען די אָרעמע בעלי־חיים?

דער ראַדיקאַליזם פֿון באַשעוויסעס וועגעטאַריזם, אַזוי ווי ער קומט צום אויסדרוק אין דער דאָזיקער דערציילונג, קען פֿאָרט דערשטוינען. זײַן שטעלונג איז כּמעט אַ רעליגיעזע. און איך קום איצט צו אַ נײַעם היפּאָטעז מכּוח[75] דעם דערפֿאָלג פֿון וועגעטאַריזם בײַ וועלטלעכע[76] ייִדישע שרײַבער. ס'רובֿ[77] פֿון זיי האָבן זיך געבונטעוועט קעגן דער דערציִונג וואָס זיי האָבן געקראָגן פֿון זייערע טאַטעס. די ייִדישע רעליגיע און לעבן־שטייגער האָבן, פֿאַרשטייט זיך, געשפּילט אַ צענטראַלע ראָלע אין זייער אויסבילדונג[78]. באַשעוויסעס טאַטע איז געווען אַ מורה־הוראה[79]; ראַוויטשעס טאַטע איז געווען זייער אַ פֿרומער. אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע דערציילט ראַוויטש וועגן די טיפֿע קאָנפֿליקטן וואָס האָבן אים אַנטקעגנגעשטעלט זײַן משפּחה און וואָס האָבן געפֿירט אַזש[80] צו אַ ציווילן פּראָצעס צווישן טאַטע און זון. אין דער זעלביקער צײַט האָט דער יונגער דיכטער געשאַפֿן זײַן אייגענע, וועלטלעכע פֿילאָסאָפֿיע, שטאַרק באַאײַנפֿלוסט פֿונעם פֿילאָסאָף שפּינאָזאַ. כאָטש ער דערציילט אַז זײַן ווערן אַ וועגעטאַריער צו 19 יאָר איז געווען כּמעט אַ צופֿאַל (דער רעזולטאַט פֿון אַ פֿאַרמעסט[81] מיט אַ פֿרײַנד) דאַרף מען מסתּמא[82] פֿאַרשטיין אַזאַ ערנסטן באַשלוס ווי דאָס זוכן אַ מין קעגן־רעליגיע. פֿון אַזאַ שטאַנדפּונקט איז וועגעטאַריזם אַן עקוויוואַלענט צום כּשרות[83] מיט אַן עיקרדיקן[84] אונטערשייד: ער האָט אַ ראַציאָנעלע באַגרינדונג. דער פֿאַקט אַז וועגעטאַריזם איז געווען, פֿאַר ראַוויטשן, טיף פֿאַרבונדן מיט אַן אַלטערנאַטיווער רעליגיע, אַ רעליגיע וואָס ווידערשפּעניקט[85] קעגן ייִדישקייט, איז אילוסטרירט פֿון אַ סעריע לידער וואָס ער האָט געשריבן אין יענער צײַט אונטערן טיטל „וועגעטאַריש עוואַנגעליום".

מע קען נאָך צוגעבן אַז וועגעטאַריזם ווערט אָפֿט געפּאָרט מיט געוויסע אידעען וועגן וועלט־אונטערגאַנג[86]. הײַנט צו טאָג איז פֿאַרשפּרייט די אידעע אַז נאָר דאָס קען אונדז ראַטעווען פֿון אַן עקאָלאָגישער קאַטאַסטראָפֿע. פּונקט ווי וועלטלעכע ייִדן זײַנען צוגעצויגן געוואָרן צום סאָציאַליזם צוליב דער האָפֿענונג אויף אַ נײַער, דערפֿרישטער וועלט, אַזוי האָט אויך די וועגעטאַרישע פֿילאָסאָפֿיע געקענט קריגן מער צוציִונגס־קראַפֿט[87] דורך איר נאָענטקייט צום טראַדיציאָנעלן ייִדישן משיחיזם[88]. אַ דערציילונג וואָס הירשע־דוד קאַץ[89] האָט פּובליקירט אין 2007 אינעם אַלגעמיינעם זשורנאַל קען אונדז דינען ווי אַן אילוסטראַציע. זי הייסט „זאַלמאָרע פֿון די נבֿיאים"[90]. אין איר ווערט דערציילט ווי זאַלמאָרע, אַ ייִד אַ פּרוש[91], וואָס פֿלעגט פֿאַרברענגען זײַן גאַנצע צײַט אין אָרעמקייט לערנענדיק די נבֿיאים, האָט פֿאַרן טויט אָנגעשריבן אַ צוואה[92] אין וועלכער ער לאָזט זײַן שטעטל אַ פֿאַרבאָרגענע ירושה[93] מיטן באַדינג אַז אַלע אָרטיקע ייִדן זאָלן ווערן וועגעטאַריער (אָדער צער־בעלי־חיימניקעס[94] ווי זיי ווערן דאָרטן גערופֿן). אַזוי אַרום האָט דער צדיק־נסתּר[95] געוואָלט דערנענטערן משיחס צײַטן[96].

די עטלעכע געדאַנקען זײַנען נאָר אַן ערשטער פּרוּוו צו פֿאַרשטיין דעם דערפֿאָלג פֿון וועגעטאַריזם צווישן ייִדישע שרײַבער. פֿאַרשטייט זיך אַז זיי האָבן אויך געקענט אויסקלײַבן אַזאַ לעבן־שטייגער פּשוט צוליב היגיענישע סיבות, נאָר אַנדערע פֿאַקטאָרן האָבן אויך מסתּמא מיטגעווירקט, קען זײַן אַז אומבאַוווסטזיניק[97]. נישט אַלע האָבן אָנגענומען דעם ראַדיקאַלן באַשלוס צו ווערן פֿולשטענדיקע וועגעטאַריער (באַשעוויס אַליין איז געוואָרן אַזאַ ערשט צו 60 יאָר) נאָר אַ סך ייִדישע אינטעלעקטואַלן האָבן אַרויסגעוויזן אַ געוויסן אינטערעס פֿאַר וועגעטאַריזם. מיט אָדער אָן טיפֿע מאָראַלישע גריבלענישן[98] האָבן אַ סך פֿון זיי זיך פּאָסמאַקעוועט[99] מיט די געזונטע מאכלים[100] וואָס פֿאַני לעוואַנדאָ פֿלעגט קאָכן אין איר באַרימטן ווילנער וועגעטאַרישן רעסטאָראַן צווישן ביידע וועלט־מלחמות[101].

אויבן: יצחק באַשעוויסעס פּרעסע־קאַרטע פֿונעם פּאַריזער הײַנט. אונטן: מלך ראַוויטש (רעכטס) מיט זײַן משפּחה און י. י. זינגערן.

62. TOYRE Torah 63. peau/skin 64. SHKHITE abattage, massacre/slaughter 65. MALEKHAMOVES ange de la mort/angel of death 66. abattoir/slaughterhouse 67. KHILEL-HASHE'M blasphème/blasphemy 68. AVADE bien sûr/of course 69. SOFEK doute/doubt 70. BEKIVN exprès/on purpose 71. ambigu/ambiguous 72. fait semblant/is pretending 73. refuser/refuse 74. KVURE … l'enterrer au cimetière/burial in the cemetery 75. MIKOYEKH au sujet de/about 76. laïques/secular 77. SROV la plupart/most 78. éducation 79. MOYRE-HOYROE rabbin/rabbi 80. jusqu'à/no less than 81. défi/challenge 82. MISTOME probablement/probably 83. KASHRES lois de cacherout/Jewish dietary laws 84. I'KERDIKN essentiel/basic 85. se rebelle/rebels 86. la fin du monde/the end of the world 87. force d'attraction/power of attraction 88. MESHIKHIZM messianisme/messianism 89. … DOVID … David Katz (né/born 1956) 90. … NEVIIM Zalmore des Prophètes/Zalmore of the Prophets 91. PORESH reclus/recluse 92. TSAVOE testament 93. …YERUSHE héritage caché/hidden heritage 94. TSAR-BALEKHA'IMNIKES sensibles aux souffrances des animaux/sensitive to the sufferings of animals 95. TSADIK-NISTER juste caché/hidden *tsadik* 96. MESHIEKHS … ère messianique/messianic age 97. inconsciemment/unconciously 98. délibérations 99. se délectaient/relished 100. MAYKHOLIM plats/dishes 101. MILKHOMES guerres/wars.

עופֿות[1] און מענטשן



לכּבֿוד[2] שלום־עליכמס[3]

100סטן יאָרצײַט[4] האָט דער פֿאַרלאַג[5] מעדעם־ביבליאָטעק פֿונעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער אַרויסגעגעבן אין איין באַנד זײַנע דערציילונגען „כּפּרות"[6] (1903) און „דאָס פּאָרפֿאָלק"[7] (1909). דאָס ביכל מענטשן און עופֿות נעמט אַרום דעם ייִדישן אָריגינאַל מיט אַ פּרעכטיקער איבערזעצונג אויף פֿראַנצייזיש פֿון נאַדיאַ דעהאַן־ראָטשילד.

אין דער ערשטער דערציילונג (זעט אונטן) קומט פֿאָר אַ שטרײַק[8] פֿון הינער און הענער[9] קעגן שלאָגן כּפּרות[10]. די צווייטע שטעלט פֿאָר דעם טרויעריקן גורל[11] פֿון אַ פּאָרל אינדיקעס[12] וואָס מע האָדעוועט אויף פּסח[13]. כאָטש[14]ביידע טעקסטן זענען אַ טייל פֿונעם ציקל „מעשׂיות[15] פֿאַר ייִדישע קינדער", זענען זיי טראַגיש און פּעסימיסטיש, און לאָזן זיך אינטערפּרעטירן אויף אַ סך אופֿנים[16] (אַגבֿ[17], „כּפּרות" איז אַרויס צום ערשטן מאָל מיטן אונטערטיטל „אַ מעשׂה פֿאַר דערוואַקסענע קינדער"). עס איז אַן אַרײַנקלער[18] אי אין די לײַדן פֿון בעלי־חיים[19], אי[20] אין די מעכאַניזמען פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט[21], וואָס פֿון איר האָט מען דאָ אַ טאָפּלט[22] בילד: ערשטנס, זעען מיר מענטשן דורך די אויגן פֿון עופֿות; אַ דאַנק דעם דאָזיקן דרויסנדיקן קוקווינקל[23] קען דער לייענער זיך אַרײַנטראַכטן אין די פֿראַגעס „וואָס איז נאָרמאַל?", „צי איז די וועלט אַ גוטע?", „צי קען מען באמת[24] פֿאַרשטיין יענעם[25]?"; צווייטנס, זענען די עופֿות אַליין אויך פֿאָרגעשטעלט אויף אַן אַנטראָפּאָמאָרפֿישן שטייגער[26] און לעבן אין אַ געזעלשאַפֿט וואָס דערמאָנט אונדזערע. אין ביידע ווערק קען מען זען אי אַ פּראָטעסט קעגן אָנגענומענע נאָרמעס און קעגן דעם סדר־העולם[27] בכלל[28], אי אַ סקעפּטיציזם לגבי[29] דער מעגלעכקייט זיי צו בײַטן. מע קען זיי פֿאַרשטיין ווי אַ קריטיק קעגן ייִדישע מינהגים[30], אָבער גלײַכצײַטיק ווי אַן אַנאַליז פֿון די מעכאַניזמען פֿון אונטערדריקונג[31] אין וועלכער עס לעבט דאָס ייִדישע פֿאָלק צווישן ניט־ייִדן (צי גאָר אַן אָפּרוף אויפֿן קעשענעווער פּאָגראָם[32]), אָדער אַלגעמיינע מעכאַניזמען פֿון דאָמינאַציע און רעוואָלוציע. לייענט די דערציילונגען און איר וועט מסתּמא[33] אַנדערש קוקן ניט נאָר אויף עופֿות, אָבער אויך אויף מענטשן!

1. OYFES volailles/fowl, poultry 2. LEKOVED en l'honneur de/in honor of 3. SHOLEM-ALEYKHEMS de/of Sholem-Aleykhem (1859-1916) 4. anniversaire de sa mort/anniversary of his death 5. maison d'édition/publishing house 6. KAPORES cérémonie expiatoire pendant laquelle on fait tourner au-dessus de la tête une poule ou un coq/atonement ceremony performed by turning a fowl over one's head 7. couple 8. grève/strike 9. poules et coqs/hens and roosters 10. exécuter la cérémonie de *kapores*/perform *kapores* 11. GOYRL destin/destiny 12. dindes/turkeys 13. ... PEYSEKh on engraisse pour la Pâque/fatten for Passover 14. bien que/although 15. MAYSES contes/stories 16. OYFANIM façons/ways *sing*. אופֿן OYFN 17. AGEV en outre/by the way 18. réflexion/reflection 19. BALE-KhAIM animaux, êtres vivants/animals, living beings, *sing*. בעל־חי BAL-KhAY 20. אי... אי ... ainsi que/both ... and 21. société/society 22. double 23. point de vu extérieur/external point of view 24. BEEMES véritablement/really 25. l'autre/others 26. façon/manner 27. SEYDER-HOOYLEM l'ordre des choses/way of the world 28. BIKhLA'L en général/in general 29. LEGABE par rapport à/concerning 30. MINHOGIM coutumes/customs, *sing*. מינהג MINEG 31. oppression 32. pogrom de Kichinev/Kishinev pogrom (1903) 33. MISTOME probablement/probably.

כּפּרות[1] [דער אָנהייב]

פֿון שלום־עליכם[2]

קאַפּיטל א

דעם ערשטן טאָג ראָש־השנה[3] נאָך, אַז דער עולם[4] איז געגאַנגען צו תּשליך[5], האָט מען געקאָנט באַמערקן אַ מחנה[6] עופֿות[7], הינער[8], אַלטע קוואָקעס[9] און יונגע הינדעלעך[10] מיט האָנעכלעך[11] לויפֿן אין די הינטערגעסלעך, אויסגעצויגן די קעפּלעך, מאַכן פּאָלקעס[12], הייבן פֿיסלעך, שפּרינגען אונטער עפּעס מיט אַ מין אימפּעט[13], און אַלץ אַהין, ווײַט, הינטער דער שטאָט אַרויס. אַ חידוש[14] איז דאָס געווען, נאָר קיינעם איז נישט אײַנגעפֿאַלן אָפּשטעלן זיך נאָכקוקן, ווו אַהין לויפֿן דאָס די דאָזיקע נאַרישע עופֿות.

ערשט שפּעטער, אין די עשׂרת־ימי־תּשובֿה אַרײַן[15], האָט מען אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן, אַז די שטײַגן[16] זײַנען אָפּן, און ווו ס'איז געווען ערגעץ אַן עוף איז דאָס אַרויסגעפֿלויגן — און גיי

1. KAPORES cérémonie expiatoire pendant laquelle on tourne au-dessus de la tête une poule ou un coq/atonement ceremony performed with a fowl turned over one's head 2. ShOLEM-ALEYKhEM (1859-1916) 3. ROSHESHONE nouvel an juif/Jewish new year 4. OYLEM les gens/people 5. TASHLEKh cérémonie d'absolution des péchés, symbolisée par le geste de retourner ses poches au-dessus d'un cours d'eau/rite that symbolizes the casting out of sins by shaking out ones pockets near a flowing stream 6. MAKhNE multitude 7. OYFES volailles/fowl 8. poules/hens, *sing*. הון 9. poules couveuses/laying hens 10. poulets/chickens 11. jeunes coqs/young roosters 12. pilons (*expression calquée sur* מאַכן פּיס, déguerpir)/ran on their drumsticks (*expression based on* מאַכן פּיס, run away) 13. élan/momentum 14. ... KhIDESH surprenant/surprising 15. ASERES YEMEY TSHUVE ... arrivés les 10 jours de repentir/well into the 10 days of repentance 16. cages

זוך מיך! איז געוואָרן אַ גוואַלד[17]: „סטייַטש[18], מיט וואָס וועט מען שלאָגן כּפּרות[19]?". איבער הויפּט[20] האָבן איינגעלייגט די וועלט[21] די ווייַבער; פֿאַר אַ ווייַסע כּפּרה[22] וועט איך אַ ווייַב זייַן אַ כּפּרה[23]. זי מעג זייַן אַפֿילו[24] אַ „מאַדאַם[25]", מיט אַ הוט און מיט אַ פֿאָרטעפּיאַן[26]... משוגענערווייַז[27] זייַנען זיי געלאָפֿן אין מאַרק אַרייַן, גרייט געווען צאָלן אין טאָג אַרייַן[28], אַבי[29] צו קריגן כּפּרות; אויב נישט קיין ווייַסע הון, לאָז זייַן אַ ראַבע[30], אַ שוואַרצע. לאָז זייַן אַ רויטער האָן — אַבי אַ כּפּרה!

און ווי אויף צו להכעיס[31], איז נישט געווען אין מאַרק, איר זאָלט זאָגן, אַן עוף אויף אַ רפֿואה[32]. דאָס הייסט, ס'איז געווען עופֿות אין מאַרק, נאָר נישט אַזעלכע, וואָס מע זאָל מיט זיי קאָנען שלאָגן כּפּרות. צום בייַשפּיל: קאַטשקעס[33] זייַנען געווען מיט גראָבע פּופּקעס[34], גענדז[35] מיט פֿעטע בייַכלעך[36], אינדיקעס[37] אָנגעבלאָזענע מיוחסים[38], מיט אַראָפּגעלאָזענע שנאָבלען[39]. ווייַסע, ריינע אומשולדיקע טייַבעלעך[40] האָט מען געכאַפּט און אַרויסגעטראָגן אויף צו פֿאַרקויפֿן. ס'איז אָבער אַלץ נישט דאָס, וואָס מע באַדאַרף. אויף כּפּרות דאַרף מען עופֿות, און קיין עופֿות איז נישטאָ, כאָטש נעמט לייגט זיך און שטאַרבט[41]!

ווו זייַנען אַהינגעקומען אַלע עופֿות?

לייענט, זייַט מוחל[42], ווייַטער, וועט איר הערן אַ שיינס.

קאַפּיטל ב

העט־ווייַט[43] הינטער דער שטאָט, אַזש[44] אויף יענער זייַט מילן[45], האָט זיך געטאָן חושך[46]; דאָס גאַנצע פֿעלד איז געווען פֿול מיט הינער, הענער[47], אַלטע קוואָקעס און קליינע הינדלעך. דאָס קרייען[48] פֿון די הענער, דאָס קוואָקען[49] פֿון די הינער און דאָס פּישטשען[50] פֿון די קליינע הינדלעך איז געווען אַזוי גרויס, אַז מע האָט געקאָנט טויב[51] ווערן. אַלע האָבן זיך געשטופּט און געקוועטשט[52] אַהין אויבן אָן. און דאָרט, אויבן אָן, ליגט אַן אַלטער אויסגעהאַקטער[53] בוים, און אויף דעם דאָזיקן אַלטן אויסגעהאַקטן בוים פֿליט אַרויף גאָר אַ יונגער האָן, טוט אַ פּאַטש[54] מיט די פֿליגלען און הייבט אָן צו קרייען:

— קוקאַריקו, רבותי[55]! הערט צו וואָס איך וועל אייַך זאָגן! אייַך איז ידוע[56] דער שענדלעכער[57] מינהג[58] פֿון בעלי־בתּים[59]: אַלע יאָר, אַז עס קומט אין דער צייַט, פֿאַלט אָן אויף אונדזערע בעלי־בתּים און אויף די בעלי־ביתטעס[60] עפּעס אַ מהומה[61], דער שוואַרצער יאָר זאָל זיי וויסן[62]! זיי כאַפּן אונדז פֿון די סידעלעס[63], שלעפּן אונדז אַרויס אייַנציקווייַז פֿון די שטייַגן, בינדן אונדז און דרייען אונדז איבערן קאָפּ, בעבען[64] עפּעס בשעת־מעשׂה[65] פֿון אַ סידור[66], דער רוח ווייס זיי וואָס[67], און טוען אונדז אַ שלייַדער[68] אונטערן טיש און נעמען און טראָגן אונדז אַוועק צום שוחט[69], און דאָרט מאַכט ער אונדז די שפּיל — עס ווערט אָנגערופֿן בייַ זיי „כּפּרות"... געפֿעלט אייַך אַ ביסל אַן עובֿדה[70]? וואָס זאָגט איר אויף דעם בזיון[71]? ברידער! ביז ווי לאַנג נאָך וועלן מיר שווייַגן? צייַט מיר זאָלן מאַכן אַן עק מיט דעם שענדלעכן מינהג פֿון כּפּרות! לאָמיר זיך שטעלן איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל: וואָס איר ווילט טוט מיט אונדז — קיין כּפּרות וועלן מיר בייַ אייַך נישט זייַן! אויס[72] כּפּרות!

— קאָ־קאָ־קאָ! — כאַפּן אונטער[73] אַלע עופֿות מיט אַ מאָל. — אויס כּפּרות!

— קוקאַריקו! געדענקט זשע, געטרייַע ברידער און ליבע שוועסטער. צי זייַט איר באַוואָרנט[74] אין זיך, אַז איר וועט בייַשטיין קעגן דעם נסיון[75]? צי וועט איר זיך נישט לאָזן פֿירן אין באָד אַרייַן[76]? מע וועט זיכער קומען און פֿאַרלייגן אייַך פּראָסע[77], אָדער הירזש[78], און איך קען דאָך אייַך, זולל־וסובֿאניקעס[79], אַז פֿאַר אַ ביסל פּראָסע און פֿאַר אַ הירזשל וועט איר אַוועקגעבן דרייַ־שאָק[80] אייער...

— קאָ־קאָ־קאָ! חס־ושלום[81]! מע זאָל אונדז געבן גאָלד! קאָ־קאָ־קאָ!

— קוקאַריקו! געדענקט זשע נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל: איר זאָלט זיך האַלטן שטאָל און אייַזן[82]! און טאָמער וועט מען אייַך וועלן כאַפּן, זאָלט איר זיך נישט לאָזן. די אויגן זאָלט איר זיי אויספּיקן[83]! איר זאָלט זיך נישט לאָזן, איר הערט? אַן עק! אַ סוף[84]! אויס כּפּרות!



17. clameur/clamor 18. comment est-ce possible ?/how can it be? 19. accomplir la cérémonie de *kapores*/perform the *kapores* ceremony 20. surtout/most of all 21. remuaient ciel et terre/moved heaven and earth 22. KAPORE volaille/fowl 23. *ici* donnera n'importe quoi/*here* will give anything 24. AFILE même/even 25. une madame/lady 26. piano 27. MESHU'GENERVAYZ frénétiquement/madly 28. payer le prix fort/pay a high price 29. pourvu qu'on ait/as long as they got 30. moucheté/speckled 31. … TSELOKHES comme par un fait exprès/on purpose 32. … REFUE petite quantité/tiny amount 33. canards/ducks 34. gosiers/gullets 35. oies/geese 36. ventres/bellies 37. dindes/turkeys 38. … MEYUKHOSIM aristocrates bouffis d'orgueil/bloated aristocrats 39. becs/beaks 40. innocentes colombes/innocent doves 41. quoi que tu fasses/you can lay down and die! 42. … MOYKHL *ici* s'il vous plaît/*here* beg pardon 43. bien loin/far away 44. même/as far as 45. moulins/mills 46. … KHOYSHEKH c'était la pagaille/all hell has broken loose 47. coqs/roosters, *sing.* האָן 48. chant (du coq)/crowing 49. caquètement/clucking 50. pépiement/chirping 51. sourd/deaf 52. poussé et serré/pushed and pressed 53. abattu/cut down 54. claque/clap 55. RABOYSAY messieurs/gentlemen 56. … YEDUE vous connaissez bien/it is known to you 57. ignominieux/shameful 58. MINEG coutume/custom 59. BALEBATIM maîtres/masters 60. BALEBOSTES maîtresses/mistresses 61. MEHUME ruée/turmoil 62. qu'ils aillent au diable/a black year on them 63. perchoirs/roosts 64. balbutient/mumble 65. BESHA'S-MAYSE en même temps/all the while 66. SIDER livre de prières/prayer book 67. … RUEKH … le diable sait quoi/the devil knows what 68. nous balancent/fling us 69. SHOYKHET abatteur rituel/ritual slaughterer 70. UVDE tâche/task 71. BIZOYEN outrage 72. fini/an end to 73. reprennent/repeat 74. sûrs/sure 75. … NISOYEN surmonter l'épreuve/resist the temptation . 76. laisser rouler/be duped 77. millet 78. orge/barley 79. ZOYLEL-VESO'YVENIKES gloutons et soiffards/gluttons and drunkards 80. 3 x 60 81. KHAS-VESHOLEM Dieu nous en garde !/God forbid! 82. fermement/ firmly 83. crever/peck out 84. SOF terminé/an end.

באַרימטע בעלי־חיים[1]

געפֿינט אין דער קאָלאָנע לינקס, וועלכע באַרימטע בעלי־חיים שטעלן זיך דאָ פֿאָר[2].

1. איך האָב איין איינציק מאָל צוגערעדט[3] אַ מענטש צו עסן איין איינציקע פּרוכט און מע מאַכט דערפֿון אַ צימעס[4] ביזן הײַנטיקן טאָג.

2. ווען איך האָב אַ מאָל געברענגט נחן[5] אַן אײלבערטן־צווײַג[6], האָט ער זיך שטאַרק דערפֿרייט.

3. איך האָב איין מאָל אײַנגעשלונגען אַ נבֿיא[7], אָבער ער האָט געהאַט אַ שלעכטן טעם[8] און כ׳האָב אים ווידער אויסגעשפּיגן.

4. איך האָב זיך אַ מאָל דורכגעשמועסט מיט מײַן בעל־הבית בלעם[9].

5. האַניבאַל האָט אונדז געפֿירט ביז די אַלפּנבערג[10], נאָר עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער קלימאַט דאָרטן איז פֿאַר אונדז ניט צוגעפּאַסט.

6. איך הייס אינציטאַטוס[11] און מײַן בעל־הבית איז געווען קאַ־ליגולאַ. כ׳האָב געהאַט זייער אַ שיינע ספּאָרטיווע און פּאָליטי־שע קאַריערע.

7. איך האָב זיך באַזעצט אינעם קאָפּ פֿון טיטוס הרשע[12], וואָס האָט צעשטערט[13] ירושלים[14], און כ׳האָב אים געמוטשעט[15] זיבן יאָר.

8. מיר האָבן אַ מאָל געראַטעוועט[16] דעם קאַפּיטאָל.

9. מיך האָט אויפֿגעהאָדעוועט[17] אַ משפּחה קאַטשקעס[18], נאָר כ׳האָב זיך בײַ זיי געפֿילט אַ ביסל פֿרעמד. וועגן מײַן טראַוומע[19] פֿון די יונגע יאָרן האָט אַנדערסען אָנגעשריבן אַ דערציילונג.

10. איך קום פֿון טשעשײַר[20] אין ענגלאַנד און כ׳האָב אַזאַ שיינעם שמייכל אַז אַ מאָל זעט מען ניט עפּעס אַנדערש.

11. מײַן לעבן איז געווען גאָר שווער. וועגן מיר האָט דער ייִדי־שער שרײַבער מענדעלע מוכר־ספֿרים[21] אָנגעשריבן אין 1873 אַ גאַנצן ראָמאַן וואָס מע האָט שפּעטער איבערגעזעצט אין אַ פּאָר שפּראַכן.

12. איך האָב געהייסן מעני. מיט מיר פֿלעגט זיך שפּילן מאָטל פּייסע דעם חזנס[22] אין שלום־עליכמס[23] אַ ראָמאַן.

די ענטפֿערס אויף ז׳ 10

„אָדם און חווה" פֿון לוקאַס קראַנאַך דעם עלטערן (1526).

א. קליאַטשע[24]
ב. שוואַן[25]
ג. טויב[26]
ד. קאַץ
ה. קעלבל[27]
ו. פֿליג
ז. אייזלטע[28]
ח. פֿערד
ט. שלאַנג
י. וואַלפֿיש[29]
י״א. גענדז[30]
י״ב. העלפֿאַנדן[31]

1. BALE-KHAIM êtres vivants, animaux/living beings, animals, *sing.* בעל־חי BAL-KHAY 2. se présentent/introduce themselves 3. persuadé/persuaded 4. on en fait tout un plat/make a big fuss about it 5. NO'YEKHN à Noé/to Noah 6. branche d'olivier/olive branch 7. NOVI prophète/prophet 8. TAM goût/taste 9. ... BALEBO'S BILEM mon maître Balaam/my master Balaam 10. Alpes/Alps 11. Incitatus 12. ... HA-ROSHE Titus le méchant (*nom juif traditionnel de l'empereur romain Titus*)/Titus the wicked (*traditional Jewish name for Roman Emperor Titus*) 13. détruit/destroyed 14. YERUSHOLAIM Jérusalem 15. tourmenté/tormented 16. sauvé/rescued 17. élévé/raised 18. MISHPOKHE ... une famille de canards/a family of ducks 19. traumatisme/trauma 20. Cheshire 21. Mendele Moykher-Sforim 22. ... KHAZNS Motl fils du chantre Peyse/Motl the Cantor Peyse's Son 23. SHOLEM-ALEYKHEMS de/by Sholem-Aleykhem (1859-1916) 24. haridelle/mare 25. cygne/swan 26. colombe/dove 27. veau/calf 28. ânesse/she-ass 29. baleine/whale 30. oies/geese 31. éléphants.

שפּראַך־עצות[2] פֿאַר ייִדיש־לערנערס וואָס קענען העברעיִש (טייל 3)

פֿון טל חבֿר־כיבאָווסקי[3]

אין דער רובריק[4] „שיבֿעים־לשון" קלײַבן מיר אויס יעדעס מאָל אַן אַנדער שפּראַך און גיבן באַזונדערע שפּראַך־עצות פֿאַר ייִדיש־לערנערס וואָס קענען אָט די שפּראַך. אינעם נומער 105 האָבן מיר באַהאַנדלט סעמאַנטישע אונטערשיידן צווישן לשון־קודש־שטאַמיקע[5] ווערטער אויף ייִדיש און זייערע עקוויוואַלענטן אויף העברעיִש. אין דעם נומער ענדיקן מיר די סעריע „שפּראַך־עצות פֿאַר ייִדיש־לערנערס וואָס קענען העברעיִש" מיט אַ פּאָר לשון־קודש־שטאַמיקע שרשים[6] וואָס האָבן אַן אַנדער באַטײַט[7] אויף העברעיִש און אויף ייִדיש.

„דער בבֿל־טורעם" פֿון לוקאַס וואַן וואַלקענבאָרך (1594).

די ווערטער און זייערע שרשים

אין י. ל. פּרצעס[8] דערציילונג „דער הינטישער סדר"[9] דערקלערט דער בעל־שם־טובֿ[10] ווי אַזוי עס הייבן זיך אויף די תּפֿילות[11] פֿון די מענטשן אַרויף ביזן רבונו־של־עולם[12]: „די אותיות־הקודש[13] אַליין הייבן זיך אין דער הייך. יעדע זאַך ציט זיך צו איר שורש... און סוף־כּל־סוף[14] קומט אַ מאָל די צײַט, דער אַוויר[15] ווערט ריין, עס הערן אויף די מניעות[16] פֿון וואָלקן און ווינטן, הייבן זיך אויף די אותיות פֿון דער תּפֿילה אַרויף, און פֿאַלן אותיותווײַז[17] פֿאַרן כּיסא־הכּבֿוד[18]...". דאָס גײַסטיקע בילד געמאָלט פֿון דעם גרויסן בעל־שם און ליטעראַריש אויסגעשניצט[19] פֿונעם גרויסן קלאַסיקער איז אַ פּאַסיקער משל[20] צו דער באַציִונג צווישן ווערטער און זייערע שרשים: אַ שורש איז נישט נאָר אַ וואָרצל[21], עס איז אויך דאָס תּמצית[22], דער מהות[23] פֿון אַ זאַך. אין לינגוויסטיק איז אַ שורש אַ גרופּע אותיות אין אַ געוויסן סדר[24] וואָס טראָגן אין זיך אַ יסודותדיקן באַטײַט[25]. אַ שורש ווערט פֿאַרוואַנדלט[26] אין צענדליקער ווערטער מיט גאָר פֿאַרשיידענע מיינען און שפּראַכלעכע פֿונקציעס (נעמען, אַדיעקטיוון, ווערבן, פּרעפּאָזיציעס און אַזוי ווײַטער). פֿונדעסטוועגן ציִען זיי זיך אַלע צו זייער בשותּפֿותדיקן[27] שורש.

אין אינדאָ־איראָפּעיִשע שפּראַכן

נעמט, למשל[28], די ווערטער „גענעאַלאָגיע", „קעניג", „זשאַנער"[29] און „נאַטור". אַ פּנים[30] האָבן זיי זייער ווייניק צו טאָן איינס מיטן אַנדערן. נאָר אויב מע באַטראַכט[31] זיי עטימאָלאָגיש, זעט מען אַז אַלע זײַנען זיך מיחס[32] צו דעם זעלבן אינדאָ־איראָפּעיִשן שורש גען, וואָס זײַן גרונטבאַטײַט[33] איז „געבורט". פֿון דעם דאָזיקן

1. SHIVIM-LOSHN 70 langues (*selon la tradition, toutes les langues du monde*)/70 languages (*in Jewish tradition, all the languages of the world*) 2. EYTSES conseils/advice 3. Tal Hever-Chybowski 4. rubrique/column 5. LOSHN-KOYDESH ... d'origine hébraïque et araméenne/of Hebrew and Aramaic origin 6. SHROSHIM racines/roots, *sing.* שורש SHOYRESH 7. sens/meaning 8. PE'RETSES de Y.-L. Peretz/Y. L. Peretz's 9. ... SEYDER Seder (repas de Pâque) de chiens/the Seder (Passover meal) of the dogs 10. BAL-SHEM-TOV Rabbi Yisroel Baal-shem-tov (1700-1760) 11. TFILES prières/prayers 12. REBOYNE-SHELOYLEM Dieu/God 13. OYSYES-HAKOYDESH lettres saintes/holy letters 14. SOFKL-SOF finalement/at last 15. AVER *ici/here* air 16. MENIES obstacles 17. O'YSYESVAYZ lettre par lettre/letter by letter 18. KISE-HAKOVED trône divin/throne of God 19. ciselé/carved 20. ... MOSHL exemple approprié/suitable example 21. racine/root 22. TAMTSES quintessence 23. MEHU'S nature même/very nature 24. SEYDER ordre/order 25. YESO'YDESDIKN ... sens fondamental/basic meaning 26. transformé/transformed 27. BESHU'TFESDIKN commun/common 28. LEMOSHL par exemple/for example 29. genre 30. ... PONEM apparemment/apparently 31. considère/consider 32. ... MEYAKHES viennent de/come from 33. sens de base/basic meaning



גען שטאַמט טאַקע די **גענעאַלאָגיע** (די וויסנשאַפֿט[34] פֿון די געבורטן) און אויך דער לאַטייַנישער נאָמען פֿון ספֿר־בראשית[35] **גענעסיס**, וואָס דערציילט די געבורט פֿון דער וועלט. אַזוי ווי אין גערמאַנישע שפּראַכן (ווי ייִדיש) איז דער גימל (ג׳) פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קוף (ק׳), האָבן מיר פֿון דעם זעלביקן שורש ווערטער ווי קינד (דאָס געבוירענע) אָדער קעניג (דער וואָס פֿון זייַן געבורט איז שוין באַשטימט געוואָרן צו הערשן). אויך **זשאַנער** שטאַמט פֿונעם זעלבן שורש, דורכן לאַטייַנישן genus (אַ מין[36], אַ משפּחה[37] אָדער אַ שטאַם[38] וואָס מע ווערט געבוירן צו אים). צוליב פֿאָנעטישע סיבות[39] איז דער גימל (ג׳) אין גאַנצן אַראָפּגעפֿאַלן אין אַ פּאָר ווערטער ווי **נאַטור** (אַלץ וואָס ווערט געבוירן), **ניטל**[40] (דער קריסטלעכער יום־טובֿ[41] פֿון ישוס[42] געבורט), אָדער **רענעסאַנס** (דיווידערגעבורט).

אין לשון־קודש

אין לשון־קודש (ווי אין אַנדערע סעמיטישע שפּראַכן) באַשטייען די שרשים געווייִנטלעך פֿון דרייַ קאָנסאָנאַנטן. צווישן די קאָנסאָנאַנטן פֿונעם שורש קומען אַלערליי וואָקאַלן. דער לשון־קודשדיקער[43] שורש **ה.ל.ך**, וואָס זייַן גרונטבאַטייַט איז „גיין“, גיט אונדז, למשל, ווערטער ווי **מהלך**[44] (אַ שטיק וועג וואָס מע דאַרף אָפּגיין), **הילוך**[45] (אַ גאַנג), **הלכה**[46] (דער גאַנג פֿונעם ייִדישן געזעץ) אָדער **הולכן**[47] („גיין“ אָדער „אַוועקגיין“).

פֿאַררעטערישע[48] שרשים

אין די פֿריִערדיקע אַרטיקלען אין דער רובריק „שיבֿעים־לשון“ האָבן מיר געשריבן וועגן כּלומרשטע פֿרייַנד[49] (ווערטער אין איין שפּראַך וואָס זעען אויס ענלעך צו ווערטער אין אַן אַנדער שפּראַך, נאָר זיי האָבן אַן אַנדער באַטייַט). צווישן די כּלומרשטע העברעיִש־ייִדישע פֿרייַנד זייַנען פֿאַראַן אויך „פֿאַררעטערישע שרשים“, דאָס הייסט, שרשים וואָס זייער גרונטבאַטייַט אויף בײדע שפּראַכן איז נישט פּונקט דער זעלבער.

נעמט, למשל, דעם שורש **ג.ד.ל**, וואָס זייַן גרונטבאַטייַט אויף ביידע שפּראַכן איז „גרויס“. נאָר אויף ייִדיש האָט דער שורש אָפֿט צו טאָן מיט אַבסטראַקטער גרויסקייט: אָדער פּאָזיטיוו („וויכטיקייט“, „רום“[50]) אָדער נעגאַטיוו („שטאָלץ“, „גרויסהאַלטערייַ“[51]). ווען מע זאָגט אויף העברעיִש אַז עמעצער איז „**גדול**“[52] מיינט מען אָדער אַז ער איז גרויס פֿיזיש אָדער אַז ער איז אַ דערוואַקסענער מענטש. אויף ייִדיש אָבער באַטייַט אַ „**גדול**“[53] אַ „וויכטיקער מענטש“. דאָס וואָרט „**גדולה**“[54] קען מיינען „גרויסקייט“ אויף ביידע שפּראַכן, נאָר אויף ייִדיש קען מען זיך באַניצן מיטן וואָרט אינעם זינען פֿון „אומבאַרעכטיקטע[55] צופֿרידנקייט“. אַ „**גדלן**“[56] אויף ייִדיש איז אַ „גרויסהאַלטער“, און „**גדלות**“[57] באַטייַט „שטאָלצקייט“ אָדער „גרויסהאַלטערייַ“.

דער שורש **ח.ד.ש** אויף העברעיִש באַטייַט „נייַ“. אַחוץ[58] דעם ווערב „**מחדש** זייַן“[59], וואָס הייסט „באַנייַען“ (ווי העברעיִש־קענערס וואָלטן דערוואַרט), האָט דער שורש **ח.ד.ש** אויף ייִדיש גאָר אַן אַנדער באַטייַט: סורפּריז, דערשטוינונג, פֿאַרוווּנדערונג. דער ווערב „**פֿאַרחידושן**“[60], למשל, האָט גאָרנישט צו טאָן מיט „באַנייַען“: „פֿאַרחידושט“ הייסט פּשוט[61] „דערשטוינט“. די דאָזיקע סעמאַנטישע אַנטוויקלונג אויף ייִדיש איז אפֿשר[62] געקומען צוליב דעם רבנישן באַגריף[63] „**חידוש**“[64] וואָס באַטייַט אַ נייַע אינטערפּרעטאַציע פֿונעם הייליקן טעקסט (אי אויף העברעיִש אי אויף ייִדיש). אַזוי ווי אַ באַזונדערש קלוגער אָדער אַ געוואַגטער[65] חידוש קען דערשטוינען, איז דער דאָזיקער בייַטעם[66] געוואָרן דאָמינאַנט אינעם טאָגטעגלעכן באַניץ פֿונעם וואָרט.

דער אויסדרוק „**חוזק** מאַכן“[67] באַטייַט אויף ייִדיש „אָפּלאַכן פֿון עמעצן“, און בשום־אופֿן נישט[68] „פֿאַרשטאַרקן“ ווי אַ העברעיִש־קענער וואָלט געקענט מיינען. לינגוויסטן ווייסן נישט אויף הונדערט פּראָצענט אויב דאָס וואָרט „חוזק“ שטאַמט טאַקע פֿונעם העברעיִשן שורש **ח.ז.ק**, וואָס זייַן גרונטבאַטייַט איז „שטאַרקייט“. אויף ייִדיש איז דווקא יאָ[69] פֿאַראַן אַ ווערב „**מחזק** זייַן“[70], וואָס שטאַמט פֿונעם דאָזיקן שורש און באַטייַט טאַקע „פֿאַרשטאַרקן“ (דער עיקר[71] מיטן בייַטעם פֿון דערמוטיקן[72]).

„**חלשן**“[73] הייסט אויף ייִדיש „פֿאַרלירן דאָס באַוווּסטזייַן“, וואָס איז סעמאַנטיש אַ סך ספּעציפֿישער ווי דער שורש **ח.ל.ש**, וועלכער האָט אויף העברעיִש דעם אַלגעמיינעם באַטייַט פֿון „שוואַכקייט“. אַזוי אַרום איז „**חלשות**“[74], למשל, נישט בלויז „שוואַכקייט“, נאָר דער צושטאַנד נאָכן „חלשן“. אויף ייִדיש איז אַפֿילו[75] יאָ דאָ אַ וואָרט „**חלוש**“[76] וואָס באַטייַט אַ „שוואַכער“ (אָדער אַ „קראַנקער“) מענטש, נאָר ס׳רובֿ[77] ווערטער פֿון דעם שורש אויף ייִדיש האָבן צו טאָן מיט פֿאַרלירן דאָס באַוווּסטזייַן. דער שורש האָט אויך געשאַפֿן אַ פּאָר ייִדישע אויסדרוקן וואָס שטאַמען פֿונעם פֿיגוראַטיוון באַטייַט פֿון „פֿאַרלירן דאָס באַוווּסטזייַן“: „**חלשותדיק**“[78], למשל, באַטייַט מעטאָנימיש „עקלדיק“[79] (ווען עפּעס איז צו עקלדיק קען מען פֿאַלן אין חלשות). אָדער פּאָזיטיוו: „**חלשן** נאָך עפּעס“ באַטייַט „אויסגיין נאָך עפּעס“ (דאָס הייסט אַז מע וויל עפּעס אַזוי שטאַרק, אַז מע וואָלט געקענט פֿאַלן אין חלשות).

דער שורש **פּ.ע.ל** הייסט פּשוט „טאָן“ אויף העברעיִש. דאָס וואָרט „**פּועל**“[80], למשל, הייסט „אַרבעטער“ אויף ביידע שפּראַכן, ווייַל אַן אַרבעטער טוט. נאָר אויף ייִדיש האָט דער שורש

די ענטפֿערס אויפֿן שפּיל אויף ז׳ 8:

1) ט. 2) ג. 3) י. 4) ז. 5) י״ב. 6) ח. 7) ו. 8) י״א. 9) ב. 10) ד. 11) א. 12) ה.

זיך אַנטוויקלט אויף גאָר אַנדערע אופֿנים[81], דער עיקר מיטן פּילטײַטשיקן ווערב „פּועלן"[82], וואָס קען הייסן אי „באַווײַזן" אי „איבערצײַגן", אָבער בשום־אופֿן נישט „טאָן".

דער שורש **ש.מ.ע** אויף העבערעיִש האָט צו טאָן מיט הערן. אַ „שמועה"[83] („עפּעס וואָס מע האָט געהערט") האָט דעם זעלבן באַטײַט אויף בײדע שפּראַכן. דער ייִדישער ווערב „שמועסן", וואָס שטאַמט פֿונעם מערצאָל פֿון „שמועה" (שמועות[84]), באַטײַט „רעדן" אָדער „דיסקוטירן" — זייער ווײַט פֿונעם גרונטבאַטײַט „הערן".

דער גרונטבאַטײַט פֿונעם שורש **ע.צ.ה** איז „באַראָטן"[85]. „געבן עמעצן אַן עצה" קען מען אי אויף ייִדיש אי אויף העבערעיִש און עס האָט דעם זעלבן באַטײַט. נאָר „זיך געבן אַן עצה"[86] הייסט אויף ייִדיש פּשוט „געפֿינען אַ לייזונג" אָדער „אויסקומען מיט עפּעס". דער דאָזיקער אידיאָמאַטישער באַניץ איז אַ ייִדישע באַזונדערקייט.

דער שורש **ס.מ** (אַ שורש פֿון בלויז צוויי אותיות) האָט צו טאָן אויף העבערעיִש דער עיקר מיט „נאַרקאָטיק"[87]. אָבער אויף ייִדיש באַטײַט **סם**[88] „גיפֿט". די סעמאַנטישע ענלעכקייט איז קלאָר. פֿונדעסטוועגן איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד צווישן בײדע שפּראַכן.

געדענקט אַז די גרעסטע צרה[89] בײַם לערנען איז נישט דאָס וואָס מע ווייסט נישט, נאָר דאָס וואָס מע ווייסט נישט אַז מע ווייסט נישט. אַ יודע שאינו יודע איז אַ האַלבער יודע[90]! אַפֿילו אויב איר מיינט אַז איר קענט אַ וואָרט צוליב העבערעיִש, זוכט עס אין יצחק[91] ניבאָרסקיס ווערטערבוך פֿון לשון־קודש־שטאַמיקע ווערטער אין ייִדיש. ס'איז מעגלעך אַז איר וועט זיך פֿאַרחידושן.

34. science **35.** SEYFER-BREYShIS Genèse/Genesis **36.** espèce/species **37.** MIShPOKhE famille/family **38.** souche/lineage **39.** SIBES raisons/reasons **40.** Noël/Christmas **41.** YONTEF fête/holiday **42.** YEYShUS de/of Jésus **43.** LOShN-KO'YDEShDIKER d'origine hébraïque ou araméenne/of Hebrew or Aramaic origin **44.** MEHALEKh distance **45.** HILEKh allure/gait **46.** HALOKhE loi juive/Jewish law **47.** HO'YLEKhN s'en aller/go away **48.** traîtres/treacherous **49.** KLO'YMERShTE … faux amis/false friends **50.** gloire/glory **51.** vantardise/boast **52.** GADO'L grand (*en hébreu*)/big (*in Hebrew*) **53.** GODL homme célébre/prominent man **54.** GDULE grandeur, gloire/greatness **55.** injustifié/unjustified **56.** GADLEN homme vaniteux/vain man **57.** GADLES orgueil/pride **58.** AKhU'TS à part/aside from **59.** MEKhADESh … innover/innovate **60.** FARKhI'DEShN étonner/astonish **61.** POShET tout simplement/simply **62.** EFShER peut-être/perhaps **63.** RABO'NIShN … concept rabbinique/rabbinic concept **64.** KhIDESh interprétation inédite/new interpretation **65.** osé/daring **66.** BAYTAM nuance **67.** KhOYZEK … se moquer de/make fun of **68.** BEShU'M OYFN … pas du tout/not at all **69.** DAFKE … si justement/there is indeed **70.** MEKhAZEK … renforcer, encourager/reinforce, encourage **71.** … IKER surtout/mainly **72.** encourager/encourage **73.** KhA'LEShN s'évanouir/to faint **74.** KhALOShES évanouissement, nausée/fainting, nausea **75.** AFILE même/even **76.** KhOLESh homme maladif/sickly man **77.** SROV la plupart/most **78.** KhALO'ShESDIK écœurant/disgusting **79.** écœurant/disgusting **80.** POYEL compagnon (artisan)/journeyman (artisan) **81.** OYFANIM façons/ways *sing.* אופֿן OYFN **82.** POYLN réussir/prevail **83.** ShMUE nouvelle/piece of news **84.** ShMUES **85.** conseiller/advise **86.** …. EYTSE se débrouiller/find a solution **87.** drogue/drugs **88.** SAM poison **89.** TSORE problème/trouble **90.** YEDEYE ShEYNE YEDEYE … celui qui sait qu'il ne sait pas a déjà la moitié de la connaissance/knowing that you don't know is the beginning of knowledge **91.** YITSKhOK.

DER YIDISHER דער ייִדישער

טעם־טעם
TAM-TAM

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער טעם־טעם איז אַ פּובליקאַציע פֿון
פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק.
Der yidisher tam-tam est une publication de la Maison de la culture yiddish – Bibliothèque Medem.

רעדאַקציע

רעדאַקציע־קאָלעגיע
עוולין גרומבערג
רובי מאָנעט
נאַטאַליע קריניצקאַ

מיטאַרבעטער אין דעם נומער
אַקווילע גריגאָראַאַוויטשיוטע
טל חבֿר־כיבאָווסקי
(אויסשטעל־פּראָיעקט)
קאָם לאַנדאַ
יצחק ניבאָרסקי (שפּראַך־השגחה)
מאַרי פּרימאָ (אויסשטעל)

Rédaction

Comité de rédaction
Evelyne Grumberg
Natalia Krynicka
Rubye Monet

Ont collaboré à ce numéro
Tal Hever-Chybowski (maquettiste)
Akvilė Grigoravičiūtė
Côme Landa
Yitskhok Niborski (responsable linguistique)
Marie Primault (graphiste)

Der yidisher tam-tam
Maison de la culture yiddish –
Bibliothèque Medem
29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris

Tél. : +33(0)1 47 00 14 00

yiddishweb.com/tamtam
tamtam@yiddishweb.com

פּרייַז: 2,50 אייראָ
Prix/Price : 2,50 €







דער ייִדישער טעם־טעם איז אַן איין־און־איינציקע פּובליקאַציע אין גאַנצן געווידמעט ייִדיש־לערנערס, וואָס גייט אַרויס אָן פּראָפֿיט־צוועקן. מיר בעטן אײַער אונטערשטיצונג!

מיר פֿאַרבעטן אײַך
— זיך צו אַבאָנירן אויף:
yiddishweb.com/abonirn
— צו קויפֿן אַלטע נומערן אויף:
yiddishweb.com/altenumern
— צו שיקן אַ צושטײַער אויף:
yiddishweb.com/matone
— צו דערציילן אײַערע חבֿרים, לערערס און תּלמידים וועגן דעם ייִדישן טעם־טעם!

מיר דאַנקען אײַך גאָר האַרציק!
די רעדאַקציע